# Jennifer Stern, *'Jiddisj'*

**יִדיש**

יִדיש שענקט מיר פֿליגלען
נאָר אומוויסן מאַכט מיך שווער.

יִדיש באַפֿרײַט מיך פֿון פּענטעס
נאָר איך שטאָמפּער אויף דעם וועג.

יִדיש ווײַזט מיר האָריזאָנטן
נאָר איך קוק מיט שוואַכע אויגן.

יִדיש איז מײַן גאולה
נאָר זײַן פּנים בלײַבט מיר פֿרעמד.

## Aantekeningen

2. אומוויסן – onwetendheid, onkunde
3. פּענטע – boei, keten
4. שטאָמפּערן – strompelen
7. גאולה – redding, verlossing

# Twee gedichten

*Jake Schneider*

## Zeitzone (Tempelhof)

De incheckbalie van *Peacock Air*
Is onbemand: voor niets opgestaan
Voor dag en dauw en gewacht op de eerste tram,
Voor niets gejakkerd door de lege zigzag-
Rijen, aan de rolkoffer getrokken als een vlieger…
Hoe veel uur van tevoren moet je dan aankomen?
Hebben ze alle vluchten naar Tłomackie geannuleerd, misschien
Vanwege de situatie? Geen e-mail daarover gekregen,
Geen enkele informatie op het vertrekbord. Misschien
Vanwege het weer? Buiten is het inmiddels gaan regenen:
Rozijnen met amandelen. Ik doe mijn rugzak af,
Haal het tasje met de flesjes vloeistof eruit
En kijk naar mijn ticket, naar de kleine Jiddische letters.

*september 2024*

1. *Zeitzone*: een galerie aan de Adalbertstraße in Berlijn waar geregeld Jiddisje activiteiten worden georganiseerd.

2. Tempelhof: een voormalig vliegveld in Berlijn, thans voor het publiek geopend als openbaar park. Op de landingsbanen wordt geregeld gevliegerd.

3. Aan Tłomackie 13 was in het vooroorlogse Warschau de vereniging van Jiddische schrijvers en journalisten gevestigd. Het adres staat symbool voor de vooroorlogse Jiddisje literatuur en cultuur.

**ציַיטזאָנע (טעמפּלהאָף)**

די טשעק־אין־טאַשעוואַניע פֿאַר „פּאַווע לופֿט“
איז אומבאַזעצט: אומזיסט זיך אויפֿגעכאַפּט
פֿאַר טאָג און געוואַרט אויפֿן ערשטן טראַמווײַ,
אומזיסט זיך געיאָגט דורך די פּוסטע זיג־זאַג־
שורות, געציט די רעדל־וואַליזקע ווי אַ פֿלישלאַנג...
מיט וויפֿל שעהען אין פֿאַרויס מוז מען דען אָנקומען?
האָט מען אַנולירט אַלע פֿליִען קיין טלאָמאַצקי, אפֿשר
צוליב דער סיטואַציע? נישטאָ קיין שייכדיקע בליצבריוו,
קיין שום אינפֿאָרמאַציע אויפֿן אָפּפֿלי־טאָוול. אפֿשר
צוליב דעם וועטער? אין דרויסן גייט דערווײַלע אַ רעגן:
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. איך טו אויס מײַן רוקזאַק,
נעם אַרויס דעם בײַטל מיט די פֿלעשלעך פֿליסיקייטן,
טו אַ קוק אויף מײַן בילעט, אויף די קליינע אותיות.

*סעפּטעמבער 2024*

1. ציַיטזאָנע: אַ גאַלעריע אויף דער בערלינער אַדאַלבערטשטראַסע וווּ מען אָרגאַניזירט אָפֿט ייִדישע אַקטיוויטעטן.

2. טעמפּעלהאָף: אַ געוועזענער פֿלי־פּלאַץ אין בערלין, דערווײַל אַ היסטאָרישער מאָנומענט וועלכן דער עולם קען הײַנט טצו טאָג באַזוכן, וואָס די בערלינער טוען אָפֿט מיט אַ פֿלישלאַנג.

3. אויפֿן אַדרעס טלאָמאַצקי 13 אין פֿאַרמלחמהדיקער וואַרשע האָט געאַרבעט דער פֿאַריין פֿאַר ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. דער אַדרעס איז געוואָרן אַ סימבאָל פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

Zackary Sholem Berger

**Niemand heeft gelijk**

Niemand heeft gelijk.
Iedereen wast zich met
Tranen, bloed en tranen.
Iedereen klopt bij je aan
Maar je weet te veel om hem binnen te laten –
Vast een vijand.
Vast een idioot, een fascist.

Maar de deur is niet vergrendeld.
Dus ik kom binnen
En ga bij je aan tafel zitten.
Er wordt niet gepraat
Maar we huilen
Als één.

**קיינער איז נישט גערעכט**

קיינער איז נישט גערעכט.
יעדער באָדט זיך אין
טרערן, בלוט און טרערן.
יעדער קלאַפּט דיר אין טיר
נאָר דו ווייסט צו פֿיל אַרײַנצולאָזן —
קענטיק אַ שׂונא.
קענטיק אַ תּם, אַ פֿאַשיסט.

נאָר די טיר איז נישט פֿאַרריגלט.
קום איך אַרײַן
און זיץ מיט דיר בײַם טיש.
נישט מיר רעדן
נאָר מיר וויינען
אין איינעם.

# Het roofbuitmuseum

## *Leejb Malach*

*In de verslagen van zijn reizen door Spanje, Frankrijk, Italië, België, Luxemburg, Oostenrijk, het toenmalige Tsjechoslowakije, Engeland en Nederland in de bundel 'Foen Sjpanië biz Holand: Majrev-Eejropeïsje reportazjen' uit 1937 geeft Leej Malach een beschrijving van een tentoonstelling in het toen Koloniaal Museum genaamde instituut in Amsterdam. Zijn scherpe kritiek op het zelfgenoegzame gehuichel van de Nederlander laat zich moeiteloos plaatsen. Overige beschrijvingen van zijn reis door Nederland zijn te vinden tussen p. 242 en 269 van het boek: naast de plaatselijke Joodse buurt in Amsterdam geeft hij ook een schets van Rotterdam en een indruk van het Haagse Vredespaleis, dat in de onderstaande tekst ook voorkomt.*

Op de straten van Amsterdam ben ik vlak voor Kerstmis getuige geweest van een wonderlijk schouwspel. Als mensen cadeautjes gaan kopen voor hun kinderen zijn de winkels afgeladen van de kindertjes die er met hun moeders verschillende soorten speelgoed komen kopen.

Duitsland is leverancier van dit speelgoed en het meeste wordt daar ook geproduceerd... Tinnen soldaatjes, verscheidende wapens, pistolen, zwaardjes, kanonnetjes, geweren en allerlei andere soorten wapens.

Kinderen in Duitsland hebben geen weet van ander speelgoed dan soldatenspeeltjes. Juist die fabrieken zijn dag en nacht in bedrijf, niet alleen voor zichzelf, maar voor de hele wereld.

Daarom is er in Nederland een beweging begonnen tegen dat soort speelgoed. Op de straten van de stad is er gedemonstreerd met borden waarmee men moeders probeerde te overtuigen om

dat oorlogsspeelgoed niet te kopen, om in hun kind geen oorlogslust op te wekken, noch de zin om te slaan, te roven, of erop los te moorden!

Het is werkelijk een roerende aanblik. Het kleine Nederland heeft haar ‘grote buur’ Duitsland eens laten zien hoe ‘ontwapening’ in zijn werk gaat. Het begin moet worden gemaakt bij het speelgoed van het onschuldige kind.

Inderdaad is vastgesteld dat de meeste speelgoedwinkels hebben afgezien van de inkoop van ‘wapens’ voor kinderen. Hun moeders zijn dat voorbeeld uiteraard gevolgd en hebben het verderflijke speelgoed niet gekocht.

De Nederlander heeft trots verklaard tegen oorlog te zijn, tegen roof, tegen volkerenmoord. Niet vergeefs heeft hij zich niet de oorlog in laten trekken – hoewel Nederland er bepaald profijt van heeft gehad en nu de overwinnaars en overwonnenen de schade moeten betalen, lacht Nederland in zijn vuistje – en hij is trots dat er in Den Haag, de hofstad van het land, een Vredespaleis staat, dat daar door alle volkeren is gebouwd en kort voor de... wereldoorlog... is geopend...

En van een afstand zou men inderdaad kunnen denken dat Nederland van alle landen het vreedzaamste is, en de Nederlanders stille, teruggetrokken gezinsmensen, de hier vanouds woonachtige, vlijtige en spaarzame inwoners – kortom, het symbool van vrijheid en vrede.

Men behoeft echter maar een blik te werpen in het Koloniaal Museum te Amsterdam om het tegendeel te zien. Daar kan men beseffen met wat voor geslepenheid, gedrevenheid, macht en wreedheid dit kleine, nauwelijks acht miljoen zielen tellende volk over verre continenten heerst, de scepter zwaait en de dienst uitmaakt, over een bevolking van zestig miljoen!

Het Koloniaal Museum is een van de mooiste in de stad en is gevestigd in meerdere grote gebouwen. Dat is Hollands trots. Daarmee laat de Nederlander ‘zijn’ rijkdom breed hangen. Datgene wat de natuur hem in zijn eigen land niet heeft gegeven, heeft hij zelf uit een ver werelddeel gehaald – uit Indië. Er liggen artistieke kaarten tentoongesteld waarop die gebieden in miniatuur zijn afgebeeld. In het eigen land heeft men geprobeerd een kunstmatige berg en een heuvel te bouwen om niet af te wijken van andere landen, opdat die niet zouden zeggen dat Nederland een vlak land is. In het eigen land is de bevolkingsdichtheid groot en men heeft het bewoonbare oppervlak op kunstmatige wijze vergroot door een deel van de zee in te polderen op de plekken waar nog kort geleden vissers in bootjes voeren om vis te vangen, en waar nu boeren rondlopen op hun akker en waar tarwevelden heen en weer golven.

En daar in het museum ziet men zo’n overvloedige rijkdom, zo’n bij elkaar gebracht fortuin. De roofbuit ligt uitgespreid voor de ogen van de wereld om naar te kijken en om jaloers op te worden. Zie hier de peper en daar de echte, de beste Javaanse koffie. Op de ene plek toont men tabak, kokos, rubber en maïs, en op de andere plek zink, steenkolen, diamanten en goud.

De foto’s en tekeningen tonen aan onder wat voor omstandigheden de inheemsen aldaar moeten werken. Honderdzesentwintig schepen van de Nederlandse handelsvloot kwamen daar gewoonlijk naartoe gevaren voor al deze roofbuit. Als de Indiërs nu maar voor hun harde werk brood kregen, woningen en slaapplaatsen, rust en vrijheid... Maar degenen die daarvandaan terug zijn gekomen vertellen hoe de zweep in de hand van de baas suist over de schouders van zijn onderdanen. Men toont hoe de Nederlandse ambtenaren ter plaatse zich gedragen, het vreemdenlegioen en zijn officieren, oftewel de

gehuurde knechten. De uitbuiting heeft nu in Nederlands-Indië zijn hoogtepunt bereikt.

Net zoals overal en nog sterker dan overal lijdt niet de eigenaar van de mijnen, niet de goud- en kolenmagnaat, niet de beambte die uit het vaderland naar de verre kolonie is gestuurd, om de primitieve inwoners ze beschaving en vooruitgang aan te leren. Ook de missionaris lijdt niet, maar de meerderheid van de zestig miljoen inheemsen lijden en zwijgen. Ze hebben zelfs niet het voorrecht van hun broeders en buren, de Indiërs die aan de Engelse kroon gehoorzamen. Nederland, zegt men, is ‘sterker en wreder’. Het bijna onnozele gezicht van de Nederlander vlamt vuurrood op als hij aankomt in het verre oosten naar zijn ‘onderworpenen’.

In het Koloniaal Museum zijn vooral de foto’s van belang die de Nederlanders hebben tentoongesteld om ermee te kunnen geuren: kijk wat voor een industrie we daar hebben ingevoerd! Wat voor een prachtige mechanisering! De techniek bereikt haar hoogste punt. In het jaar 1895 hebben ze tweeëntachtig ton per jaar geëxporteerd, en in het jaar 1930 in totaal zes miljoen! Is dat niet een prestatie voor... het Nederlandse kapitalisme?

*

Ik wandel door de zalen – witte, hoge, eenvoudige zalen in Indische stijl. Tentoongestelde voorwerpen, figuren, gewoonten van de Indiërs in hun landen. Hun unieke kleren, heilige dagen, feestdagen, hun godsdienst en processies.

Daar ligen in een gepantserde kamer de kronen met de grote ingelegde briljanten. De verschillende gouden en ivoren uitrusting met de robijnen en markiezen – een schat van een juweel – dat is ‘geschonken’ door de Indische vorsten en edelen van hun ‘moederland’ aan de Nederlanders en de Wilhelmina’s...

Maar in de tentoonstelling ontbreken de gebalde vuisten van de Indische massa's die zijn gedwongen om in de diepten van de zeeën naar parels te duiken in de oneindige hopen steentjes, of in de diamantmijnen bij de olie- en petroleumpomp te staan, of zich te verspreiden over de koffieplantages.

In de tentoonstelling ontbreekt de vlam die gloeit in de ogen, de vlam van honger en van toorn. Die past niet bij het exotische karakter. Een koe, een afgod, een priester in priestergewaden, een danseres – dat zijn de dingen die men hier laat zien...

Samen met mij wandelden enkele jonge Indiërs door het museum, die al helemaal Europeanen zijn geworden. Zij zijn hiernaartoe gekomen om te studeren. Datgene wat ik bij de tentoonstelling in het museum niet heb gezien, heb ik gezien in hun blikken.

*De Jiddisje tekst bij dit artikel begint op p. 61.*

דאָרט, ווי איבעראַל, און נאָך מער ווי איבעראַל,לײַדט נישט דער מינען-אייגנטומער, דער גאָלד- און קוילן-מאַגנאַט, עס לײַדט נישט דער באַאַמטער, וואָס איז פֿון פֿאָטערלאַנד געשיקט געוואָרן אין ווײַטן לאַנד, צווישן פּרימיטיווע אײַנוווינער אײַנפֿירן ציוויליזאַציע און פּראָגרעס... עס לײַדט נישט דער מיסיאָנער, נאָר דאָס רוב פֿון די זעכציק מיליאָן אײַנגעבוירענע לײַדן און שווײַגן. זיי האָבן אפֿילו נישט די פּריווילעגיע פֿון זייערע ברידער-שכנים, די אינדיער פֿון בריטישער פֿאַרקנעכטונג. האָלאַנד, זאָגט מען, איז "שטאַרקער און ברוטאַלער". דאָס כּמעט תּמעוואַטע פּנים פֿון האָלענדער ווערט רויט און צעפֿלאַמט, בעת ער קומט אַהין, אין ווײַטן מיזרח צו זײַנע "אונטערגעוואָרפֿענע". אין קאָלאָניאַל-מוזיי אינטערעסירן אַממיינסטן די בילדער, וואָס דער האָלענדער האָט אַרויסגעשטעלט צו באַרימען זיך: זעט ,וואָס פֿאַר אַן אינדוסטריע מיר האָבן דאָרט אײַנגעפֿירט! וואָס פֿאַר אַ מעכאַניזאַציע! די טעכניק דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. אין יאָר 1895 האָבן זיי אַרויסגעצויגן 82 טויזנט טאָן אַ יאָר, און אין יאָר 1930 — גאַנצע זעקס מיליאָן! איז דאָס נישט אַ דערגרייכונג פֿאַרן... האָלענדישן קאַפּיטאַליזם?

איך שפּאַציר איבער די זאַלן—ווײַסע, הויכע, פּשוטע, אין אינדישן סטיל. עקספּאָנאַטן, פֿיגורן, לעבנס-מנהגים פֿון די אינדיער אין זייערע לענדער און לאַנד-שטרעקעס. זייערע אייגנאַרטיקע קליידער, זייערע יום-טובֿים, זייערע פֿײַערונגען, זייער גאָטעס-דינסט און זייערע פּאַראַדן.

אָט ליגן אין אַ געפּאַנצערטן צימער די קרוינען מיט די גרויסע בריליאַנטן געפֿאַסט אין זיי. די פֿאַרשיידענע גילדערנע און העלפֿאַנטביינערנע כּלי-זין, מיט די רובינען און מאַרקיז-איידלשטיינער — אַ צירונג-אוצר—דאָס האָבן "געשענקט" די אינדישע פּרינצן און האַרן פֿון זייער "מוטערלאַנד" די נידערלענדער און די ווילהעלמינאַס...

עס זענען אָבער נישט אויסגעשטעלט די געקלאַמערטע פֿויסטן פֿון די אינדישע מאַסן, וועלכע זענען געצוווּנגען געוועזן זיך אַראָפּצולאָזן אין די טיפֿענישן פֿון די ימען — פּערל אַרויסצוברענגען, אין די אומענדלעכע היילן פֿון שטיינקוילן, אין די מינעס פֿון דימענטן, שטיין ביי די פּאָמפּ-מאַשינען פֿון אייל און פּעסראָלעום, זיך שפּרייטן אייף די קאַווע-פּלאַנטאַציעס.

עס ווערט נישט אַרויסגעשטעלט דער פֿלאַם, וואָס גליט אין די אויגן, פֿלאַם פֿון הונגער און צאָרן. דאָס געהערט נישט צו דער עקזאָטישקייט. אַ קו—אַן אָפּגאָט, אַ פּריסטער אין די פּריסטער-קליידער, אַ טענצערין — דאָס זענען זאַכן, וואָס מען ווײַזט...

צוזאַמען מיט מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט עטלעכע יונגע אינדיער, וועלכע זענען שוין גאַנצע אייראָפּישר. זיי זענען דאָ געקומען שטודירן. דאָס, וואָס איך האָב נישט געזען אויף דער אויסשטעלונג אין מוזיי, האָב איך געזען אין זייערע בליקן.

און אין פֿלוג קאָן מען טאַקע מיינען, אַז האָלאַנד איז דאָס פֿרידלעכסטע לאַנד, און דער האָלענדער — דער שטילער, צוריקגעצויגענער, דער מענטש פֿון דער פֿאַמיליע, דער אײַנגעזעסענער, אַרבעטזאַמער און שפּאָרעוודיקער — איז דער סימבאָל פֿון פֿרידן און פֿרײַהייט.

דאַרף מען אָבער נאָר אַ קוק טון אין דעם אַמסטערדאַמער קאָלאָניאַלן מוזיי און זען דעם היפּך. מען איבערצײַגט זיך, מיט וואָס פֿאַר אַ כיטרעקייט ,שטאַרקייט, מאַכט און ברוטאַליטעט דאָס קליינע, קוים אַכט מיליאָנעדיקע פֿאָלק הערשט, אינטערדריקט און באַלעבאַטעוועט איבער ווײַטע קאָנטינענטן, איבער אַ באַפֿעלקערונג פֿון זעכציק מיליאָן!

דער קאָלאָניאַל-מוזיי איז איינער פֿון די שענסטע אין שטאָט און פֿאַרנעמט עטלעכע גרויסע בנינים. דאָס איז דער שטאָלץ פֿון האָלאַנד. דאָ באַווײַזט זיך דער האָלענדער מיט "זײַן" עשירות. דאָס, וואָס די נאַטור האָט אים בײַ זיך אין לאַנד נישט געגעבן, האָט ער אַליין גענומען אין ווײַטן וועלט-טייל — אין אינדיע. עס ליגן אויסגעלייגט קינסטלערישע מאַפּעס, וואָס געבן אַן אָפּבילד אין מיניאַטור פֿון יענע מקומות. בײַ זיך אין לאַנד האָט מען געפּרוּווט שאַפֿן אַ... קינסטלערישן באַרג, אַן אָנשיט, כּדי צו זײַן מיט לענדער גלײַך... כּדי מ'זאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז האָלאַנד איז אַ פֿלאַכלאַנד .בײַ זיך אין לאַנד, אין די ענגשאַפֿט אויף אַ שטיקל ערד גרויס, און מען האָט אויף אַ קינסטלעכן אופֿן פֿאַרגרעסערט דעם שטח, פֿאַרשאָטן אַ גרויס שטיק פֿון ים, און דאָ, ווו מיט אַ צײַט צוריק זענען נאָך פֿישער אַרומגעפֿאָרן אויף שיפֿלעך און געפֿאַנגען פֿיש, גייט איצט אַרום דער פּויער מיט זײַן אַקער ,און גרויסע פֿעטע ווייץ-זאַנגען כוואַליען זיך. און דאָ אין מוזיי זעט מען אַזאַ שפֿע פֿון רײַכטום, אַזאַ אָנגעלאָדן גוטס. דער זאַק-רויב ליגט אויסגעלייגט פֿאַר די אויגן פֿון דער וועלט צו זען און מקנא צו זײַן. אָט איז פֿעפֿער און אָט — די עכטע, די בעסטע יאַוואַ-קאַווע. דאָ ווײַזט מען טאַבאַק, קאָקוס ,גומע, מאַיס. אָט ליגן מוסטערן פֿון צינק, און אָט איז פּעטראָלעום. דאָ קומען שטיינקוילן, דימענט-שטיינער און גאָלד.

די אילוסטראַציעס און בילדער ווײַזן, בײַ וואָס פֿאַר אַ באַדינגונגען די דאָרטיקע, די אײַנגעבוירענע קומט אויס צו אַרבעטן. הונדערט זעקס און צוואַנציק שיפֿן פֿון האָלענדישן האַנדלס-פֿלאָט פֿלעגן כּסדר פֿאָרן הין און צוריק נאָך דעם דאָזיקן זאַק-רויב. וואָלטן כאָטש די אינדיער געהאַט ברויט פֿאַר זייער מי, ווינונגען און געלעגערס, מנוחה און פֿרײַהייט. עס דערציילן די, וואָס זענען צוריקגעקומען פֿון דאָרט, ווי אַזוי די בײַטש אין דעם באַלעבאָסעס האָנט פֿײַפֿט איבער די פּלייצעס פֿון די אונטערטעניקע. ווי אַזוי עס פֿירט זיך אויף דער נידערלענדישער באַאַמטער אין ווייטן לאַנד, דער פֿרעמדן-לעגיאָן און זײַנע אָפֿיצירן — די געדונגענע קנעכט. די עקספּלאָאַטאַציע האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט איצט אין האָלענדיש-אינדיע.

# דער מוזיי פֿון זאַק-רויב

*לייב מלאך*

איבער די אַמסטערדאַמער גאַסן האָב איך בײַגעווווינט אַ מאָדנע דעמאָנסטראַציע: דאָס איז געווען פֿאַר ווײַנאַכטן, פֿאַר דעם יום־טוב פֿון „הייליקן ניקאָלײַ". דעמאָלט, ווען מ'קויפֿט מתּנות פֿאַר די קינדער. די געשעפֿטן זענען אָנגעפּראָפּט מיט יונגוואַרג, וואָס קומען באַגלייט פֿון זייערע מוטערס און קויפֿן זיך אײַן פֿאַרשיידענע שפּילעכלעך.

דײַטשלאַנד איז די צושטעלערין פֿון אָט די שפּילעכלעך און אַממײַסטן פֿאַבריצירט מען דאָרט... בלעכענע סאָלדאַטלעך, פֿאַרשידן געווער, פּיסטאָלעטן, שווערדלעך, פּאַנצער-טאַנקעס, האַרמאַטעלעך, ביקסן און אַלע אַנדערע אָפּבילדונגען פֿון כּלי-זין.

דאָס דײַטשע קינד ווייסט נישט פֿון קיין אַנדער שפּילעכל, ווי זעלנערישע צאַצקעס. גראָד די פֿאַבריקן אַרבעטן טאָג און נאַכט נישט נאָר פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

האָט זיך אין האָלאַנד אָנגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן... די מלחמה-שפּילערײַען, אַ דעמאָנסטראַציע האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן מיט אויפֿשריפֿטן, וואָס האָבן געפֿאָדערט ביי די מאַמעס נישט צו קויפֿן אָט די קריגס-שפּילעכלעך — נישט אײַנצופֿלאַנצן אינעם קינד דעם חשק צו רויבן, צו הרגענען זיך, צו שלאָגן!

ס'איז באמת געווען אַ רירנדע דעמאָנסטראַציע. דאָס קליינע האָלאַנד האָט אַ שפּיי געטאָן איר "גרויסן שכן" דײַטשלאַנד, און געוויזן ,וואָס עס הייסט "אַנטוואָפֿענונג". דער אָנהויב דאַרף געמאַכט ווערן בײַם אומשולדיקן קינדס שפּילעכל.

עס האָט זיך באַשטעטיקט, אַן די מערסטע גרויסע געשעפֿטן פֿון קינדער-שפּילצײַג האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קויפֿן "כּלי-זין" פֿאַר קינדער און די מאַמעס האָבן אַוודאי געפֿאָלגט און נישט געקויפֿט דאָס פֿאַרדאַרבנדיקע שפּילצײַג.

דער נידערלענדער האָט שטאָלץ דערקלערט: ער איז קעגן קריג, קעגן רויב, קעגן פֿעלקער-רציחה. נישט אומזיסט האָט ער זיך נישט געלאָזט אַרײַנציִען אין דער מלחמה (הגם האָלאַנד האָט געמאַכט דאָס בעסטע געשעפֿט און איצט, ווען די זיגער און באַזיגטע דאַרפֿן צאָלן די מלחמה-חובֿות, לאַכט האָלאַנד אין די פֿויסטן אַרײַן) און איז שטאָלץ, וואָס אין האַג, די קרוין-שטאָט פֿון דער מדינה, געפֿינט זיך דער שלום-פּאַלאַץ, וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿון אַלע פֿעלקער און איז געעפֿנט געוואָרן קורץ פֿאַר דער... וועלט-מלחמה...